## תשעה באב אין רבי'שע הויפן



כ"ק אדמו"ר מתולדות אברהם יצחק שליט"א



כ"ק אדמו"ר מקראָלי שליט"א



כ"ק אדמו"ר מצאַנז גריבוב שליט"א



כ"ק אדמו"ר מקאַסאָן פּאַרשעי שליט"א זאָגט אַ שיעור נאָכן קינות



כ"ק אדמו"ר מליסקא שליט"א

## נייעס און באַריכטן פון ארץ ישראל

# ביד"צ העדה החרדית איז מחזק די תקנה קדומה און איסור פון שפּילן מיט מוזיק אויף שמחת חתן וכלה אין ירושלים

ירושלים. - די וואָך האָט דער ביד"צ העדה החרדית אַרויסגעגעבן אַ שאַרפן רוף וואו זיי זענען מחזק דעם אור-אַלטן איסור און תקנה פון די גדולי גאוני צדיקי ירושלים זי"ע מקדמת דנא, וועלכע האָבן גע'אסר'ט צו שפּילן מיט מוזיק ביי שמחות חתן וכלה אין ירושלים, אויסער אַ פּויק וואָס מ'האָט זיך יאָ געפירט צו נוצן. דער בי"ד באַטאָנט אינעם קריאת קודש אַז די תקנה איז דאַן אָנגענומען געוואָרן דורך אַלע ירושלים'ער אידן ללא יוצא מן הכלל עליהם ועל זרעם אחריהם חוק ולא יעבור.



בית דין צדק
לכל מקהלות האשכנזים
שע"י "העדה החרדית"
פעיה"ק ירושלם תובב"א
רח' שטראוס 26/א
ת.ד. 5006 P.O.B
טל. TEL. 02-6236550
פאקס FAX 02-6221317

BETH DIN TZEDEK
OF THE ORTHODOX
JEWISH COMMUNITY
26\A STRAUSS ST.
JERUSALEM

ב"ה

**הנה זה עומד אחר כתלינו**

כבר נודע בשערים תקנתם של גאוני קמאי תנאי ירושלמאי מרנן רבותינו שבירושלים זצוק"ל שאסרו לנגן בכלי שיר (לבד מתופים שהתירו) בשמחת נישואין בעיר הקודש תובב"א שהרי החורבן לפנינו, וקבלו עליהם ועל זרעם עד היום הזה חוק ולא יעבור.

והנה שמענו שכהיום יש מקילין לנגן בכלי שיר בשמחת נישואין באמתלאות שונות של מצוה טאנץ קבלת פנים וכו', וכן בשמחת נישואין של זיוו"ש, וגם באופן שאין ממש כלי שיר אלא הקלטות של כלי שיר שנאסר כבר ע"י מרן הגאב"ד הגרי"ח זוננפלד זצוק"ל והבאים אחריו זכר צדיקים לברכה.

ע"כ הננו מודיעים בזה כי האיסור הוא על כל שמחת חתן וכלה מתחילתו ועד סופו, וכן האיסור בכלי שיר מוקלטים, וח"ו להקל ראש בזה ולפרוץ גדר שגדרו ראשונים לכבוד מי ששכן את שמו בעיר הקודש ת"ו.

ויתן ה' שנזכה לשובע שמחות ורב ברכות, וכל המתאבל על ירושלם זוכה ורואה בשמחתה בעגלא וזמן קריב אמן.

הכו"ח י"ב לחודש הנחמה תשע"ב לפ"ק הביד"צ דפעיה"ק ת"ו

נאם ... נאם ... נאם ... נאם ... נאם ...

אינעם בריוו שרייבט דער ביד"צ אַז לעצטנס האָבן מענטשן זיך איינגעפירט געוויסע קולות אינעם ענין, און האָבן אָנגעהויבן מקיל זיין ביי קבלת פנים און ביי מצוה טאַנץ, און אַזוי אויך ביי אַ שמחת נישואין פון זיוו"ש, און בפרט איז איינגעריסן געוואָרן די קולא אַז מ'ערלויבט זיך צו נוצן מוזיק וועלכע ווערט געשפּילט דורך אַ טעיפּ און נישט דורך אַ כלי שיר אויפן פּלאַץ, וואָס דאָס איז אויך גע'אסר'ט געוואָרן דורך מרן הגאון רבי יוסף חיים זאָנענפעלד זי"ע מרא דארעא קדישא.

דער ביד"צ איז מודיע אינעם בריוו זייער דעת תורה: "ע"כ הננו מודיעים בזה כי האיסור הוא על כל שמחת חתן וכלה מתחילתו ועד סופו, וכן האיסור בכלי שיר מוקלטים, וח"ו להקל ראש בזה ולפרוץ גדר שגדרו ראשונים לכבוד מי ששיכן את שמו בעיר הקודש ת"ו".

## נייעס און באַריכטן פון קרית יואל

# לאַנגע שעות פון התרגשות האַלט געשפּאַנט טויזנטער ביי "רופא חולים דינער" אין "קרית יואל"

זאלן פון "בית רחל פאראדייס" איבערגעפילט מיט אלפי ישראל אין איינגעהילטע רירנדע שטימונג פיר שעה נאכאנאנד - אמירת תהלים און י"ג מדות של רחמים פארגעזאגט דורך הרה"ח ר' עקיבא גאנץ שליט"א עפנט שערי רחמים לרפואת חולי ישראל - מאמענטן פון התרגשות ווען בארימטע מנגנים 'יוצאי קעמפ שלוה' פרעזענטירן רייכע אוצר ממיטב ניגוני הרה"ח ר' משה גאלדמאן ע"ה - ניגון 'אלקי נשמה' בארירט סטרונעס פון הארץ, נאך הארציגע שילדערונג איבער 'היסטאריע פונעם ניגון' געהערט פערזענליך דורך בעל העובדא - חשוב'ע עסקנים ווערן באעהרט ביים דינער - הרב אלי' שווייצער הי"ו שילדערט פערזענליכע דראמאטישע געשיכטע און דרוקט אויס הכרת הטוב- 'יוצאי קעמפ שלוה' עפענען 'מעמד בוני ירושלים' מיט נאסטאלגישע ניגוני נחמת ציון וירושלים אין עהרע פון 'נזר בונה ירושלים' הרבני הנגיד ר' עקיבא הערש קליין הי"ו - מייסד ויו"ר רופא חולים הרה"ח ר' הערשל הכהן קאהן הי"ו אדרעסטירט הייליגע נאכט פון השפעות מיט דברים נרגשים היוצאים מן הלב - 'נואם הכבוד' כ"ק אדמו"ר מחוסט רבי משולם פייש גינזבערג שליט"א רייסט שטיקער איבערגעבנדיג פערזענליכע געפילן אלס 'עלטערן פון א קינד' מיט די ביטערע מחלה ל"ע - נייער שטערן בעולם הנגינה ר' אברהם מרדכי שווארץ הי"ו פרעזענטירט הארציגע געשיכטע מיט פרייליכע ענדע - אלפי משתתפים נעמען אהיים זעק מיט 'השפעות' ישועות און רפואות און לאזן איבער זעק מיט 'השפעות' און חיזוק פאר הנהלת רופא חולים לרפואת חולי ישראל

**אויספירליכער באַריכט וועט אי"ה נאָכפּאָלגן**